**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/9/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנאר האקול מעלדט די קומענדיגע פאזע אין לאנג-טערמיניגע האָוזינג סטראטעגיע וועט פאקוסירן אויף פארמערן האָוזינג סופליי אין ניו יאָרק סיטי

***בשעת'ן פארזעצן לאנג-טערמיניגע סטעיטווייד האָוזינג צוגאנג, טוט גאָווערנאָר האקול'ס 2024 סטעיט אוו די סטעיט פאקוסירן אויף דרינגענדע געברויך צו פארמערן האָוזינג סופליי אין ניו יאָרק סיטי***

***גאווערנאר וועט פארשלאגן לעגיסלאציע צו אינסענטיווירן נייע געביידע אויפבוי, מוטיגן אפארדעבל האָוזינג אין אפיס איבערמאכונגען, ערלויבן מער בויגזאמקייט אין רעזידענשל געדיכטקייט, און לעגאליזירן עקזיסטירנדע בעיסמענט און סעלער אפארטמענטס***

***נייע 500 מיליאן דאלער אינוועסטירונג וועט פארבעסערן איבערמאכונגען פון סטעיט-אייגנטום סייטס אלס ביז 15,000 נייע יוניטס פון האָוזינג דורכאויס ניו יאָרק סטעיט***

***פארשלאג צו שטארקן פרא-האוזינג קאמיניוטיס פראגראם וועט מאכן דעם סערטיפיקאציע אלס פארלאנג פאר לאקאליטיס סטעיטווייד צו באקומען סטעיט דיסקרעשענערי געלטער***

***גאווערנאר אנטפלעקט אויך נייע סטראטעגיעס צו באקעמפן דיסקרימינאציע אנטקעגן האָוזינג אפליקאנטן מיט סעקשאן 8 וואוטשערס און אפארדעבל האָוזינג פראוויידערס וואס זוכן אינשורענס***

***נייע אנליין געצייג וועט פארגרינגערן און סטרימליין'ען אפארדעבל האָוזינג זוכעניש פראצעדור***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן דעם קומענדיגן פאזע פון איר לאנג טערמיניגן סטראטעגיע צו פארמערן האָוזינג סופליי און אפארדיביליטי אלס טייל פון איר סטעיט אָוו דע סטעיט. אזוי ווי דער גאָווערנאָר זעצט פאר איר לאנג טערמיניגע ציל צו פארמערן די האָוזינג סופליי דורכאויס די סטעיט, וועט דער 2024 סטעיט אוו די סטעיט פאקוסירן אויף דעם דרינגענדן געברויך צו בויען מער היימען אין ניו יארק סיטי. דאס וועט אריינגעמען לעגיסלאציע צו אינסענטיווירן דעם אויפבוי פון נייע הייזער; מוטיגן אפיס איבערמאכונג פראיעקטן צו אריינעמען אפארדעבל האָוזינג; ערלויבן די סיטי צו איבערשטייגן דעם פלאר עריע ראטע מאקסימום ווען פאסיג; און לעגיליזירן עקזיסטירנדע בעיסמענט און סעלער אפארטמענטס. גאווערנער האקול האט אויך אנטפלעקט א פלאן צו בויען ביז 15,000 נייע יוניטס פון האָוזינג אויף סטעיט-אייגנטום לאנד סטעיטווייד, שטארקן די פרא-האָוזינג קאמיוניטיס פראגראם דורכאויס די סטעיט, און באקעמפן דיסקרימינאציע אנטקעגן נידריג- ביז מעסיגע-אינקאם ניו יארקער און אפארדעבל האָוזינג פראוויידערס.

"די שרעקליך הויכע קאסטן פון רענט און מארטגעדזשעס ווערן פאראורזאכט דורך די אומבאגרייפליכע מאנגל אין האָוזינג אין ניו יארק. עס איז איינע פון די טרייבקראפטן וואס שטופן ארויס מענטשן פון אונזער

סטעיט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "לאמיר זייט אויפריכטיג מיט ניו יארקער: די איינציגסטע זאך וואס וועט לעזן די אפארדיביליטי קריזיס איז בויען הונדערטער טויזנטער היימען. ניו יארקער זענען מיד פון ווארטן, און איך בין אויך."

צוזאמען, בויען די פארשלאגן אויף דעם גאווערנאר'ס געטריישאפט צו אדרעסירן ניו יארק'ס האָוזינג קריזיס דורך געבן פאר לאקאליטיס די געצייג וואס זיי דארפן צו פארמערן זייער האָוזינג סופליי, באשיצן יעצטיגע און שפעטערדיגע טענענטס, און נאכמער פארגרינגערן פאר ניו יארקער צו האבן צוטריט צו און זיך איינגעבן פאר אפארדעבל האָוזינג.

**<u>אינסענטיוויזירן קאנסטראקשאן פון נייע האָוזינג, אריינרעכענענדיג אפארדעבל האָוזינג</u>**

די אויסלויף פון די 421-a טעקס עבעיטמענט פראגראם אין 2022 האט געלייגט די קאנסטראקשאן פון א געשאצטע 30,000 יוניטס פון האָוזינג אין ניו יאָרק סיטי אין געפאר. כדי צו פארמיידן צו פארלירן טויזנטער יוניטס פון האָוזינג וואס זענען שוין אונטער קאנסטראקשאן, האט גאווערנער האוקול געלאזט אין גאנג א פילאט פראגראן אין יולי 2023 צו איבערמאכן די 421-a פראגראם בענעפיטן און פאראנטווארטליכקייטן פאר פראיעקטן וואס געפינען זיך אינערהאלב די גאוואנוס ריזאונינג געגנט אין ברוקלין וואס זענען שוין געווען באשטימט אין די טעקס עבעיטמענט פראגראם ווען עס האט אפגעלאפן. אנגעהויבן פון דעצעמבער 2023, האט דער גאווערנאר'ס גאוואנוס פראגראם ערהאלטן 19 אפליקאציעס וואס קענען אהערשטעלן ביז 5,500 יוניטס פון האוזינג, אריינרעכענענדיג 1,400 יוניטס פון אפאָרדעבעל האוזינג.

כדי צו העלפן די סיטי  ערמעגליכן די פאטענציאל פון נאך טויזנטער רענטל יונטיס, וועט גאווערנער האקול פארשלאגן לעגיסלאציע וואס וועט ערלויבן ניו יאָרק סיטי צו פארשלאגן א טעקס עבעיטמענט פאר נייע רענטל קאנסטראקשאן צו ערזעצן די אפגעלאפענע 421-a פראגראם. דער גאָווערנאָר וועט אויך פארשלאגן א סיטיווייד פארלענגערונג פון די פארענדיגונג דעדליין פאר די אפגעלאפענע 421-a פראגראם צו פארזיכערן  אז די סיטי פארלירט נישט די צענדליגער טויזנטער יוניטס פון האָוזינג אונטער פראיעקטן וואס זענען שוין יעצט באשטימט אונטער יענעם פראגראם.

**<u>מוטיגן אפארדעבל האָוזינג אין אפיס איבערמאכונגען</u>**

אפיס-צו-רעזידענשל איבערמאכונגען אנערקענען די שטייגנדע פארלאנג פאר רעזידענשל האָוזינג און די עקאנאמישע ווירקונג פון רימאוט ארבעט אויף קאמערציאלע ריעל עסטעיט אין ניו יאָרק סיטי. אזוי ווי אפיס איבערמאכונגען פראיעקטן פארווירקליכן זיך, וועלן ניו יאָרק סיטי און ניו יארק סטעיט פארזעצן צו פריאריזירן אפארדיביליטי.

גאווערנער האקול וועט פארשלאגן לעגיסלאציע צו ערלויבן ניו יאָרק סיטי צו פארשלאגן א פינאנציעלע אינסענטיוו פאר די אויפבוי פון אפארדעבל האָוזינג יוניטס אין אפיס איבערמאכונג פראיעקטן.

**<u>ערלויבן די סיטי צו איבערשטייגן פלאר עריע ראטע באגרעניצונגען</u>**

פאר צענדליגער יארן, האט ניו יארק סטעיט געשטעלט א באגרעניצונג אויף רעזידענשל געדיכטקייט אין ניו יאָרק סיטי דורכן שטעלן א מאקסימום צום פלאר עריע ראטע ביי 12.0, מאכנדיג שווער צו בויען נייע האָוזינג אינערהאלב די פינף באראס. גאווערנער האקול וועט פארשלאגן לעגיסלאציע צו ערלויבן ניו יאָרק סיטי צו אויפהייבן די מאקסימום צום פלאר עריע ראטע פאר געוויסע פראיעקטן צו מאקסימיזירן האָוזינג קאנסטראקשאן, אריינגערעכנט אפארדעבל האָוזינג קאנסטראקשאן.

**<u>לעגאליזירן עקזיסטירנדע בעיסמענט און סעלער אפארטמענטס</u>**

אין 2021, האט האריקעין איידא צוגעשטעלט א טראגישע דערמאנונג פונעם געברויך צו לעגאליזירן בעיסמענט און סעלער אפארטמענטס, א וויכטיגע קוואל פון אפארדעבל האָוזינג אינערהאלב ניו יאָרק

סיטי. גאווערנער האקול וועט פארשלאגן לעגיסלאציע צו ערלויבן ניו יאָרק סיטי צו איבערמאכן עקזיסטירנדע בעיסמענט און סעלער אפארטמענטס אלס לעגאלע יוניטס, העלפנדיג צו פארמערן סופליי און האלטן איינוואוינער פארזיכערט.

**<u>פארשנעלערן די ווידער-אנטוויקלונג פון סטעיט-אייגנטום סייטס פאר האָוזינג</u>**

אלס טייל פון א פעקל פון עקזעקיוטיוו שריט געצילט אויף פארמערן ניו יארק'ס האָוזינג סופליי סטעיטוואייד, האט גאווערנער האקול אונטערגעשריבן עקזעקיוטיוו ארדער 30 אין יולי 2023 וואס באפעלט אז אלע סטעיט איינהייטן זאלן איבערקוקן שטחים אונטער זייער אייגנטומערשאפט און קאנטראל צו באשטימען אויב מען קען עס נוצן צו בויען אדער שטיצן נייע האָוזינג. נאכפאלגנדיג דעם גאווערנאר'ס עקזעקיוטיוו באפעל, האבן סטעיט אגענטורן באצייכנט פובליק-אייגנטום סייטס דורכאויס ניו יאָרק סטעיט וואס קענען אקאמאדירן ביז 15,000 נייע יוניטס פון האָוזינג, אריינגערעכנט געוועזענע טורמע פאסיליטיס, געגנטער נעבן קאמיוטער רעיל סטאנציעס, און SUNY פראפערטיס.

גאווערנער האקול האט פארגעשלאגן א 500 מיליאן דאלער קאפיטאל פאנד צו שטיצן די דעוועלאפמענט פון די סייטס פאר האָוזינג און וועט זוכן א באשטימונג אלס טייל פון איר עקזעקיוטיוו בודזשעט.

**<u>פארשטערקערן פרא-האוזינג קאמיוניטיס פראגראם</u>**

גאָווערנאָר האקול'ס עקזעקיוטיוו באפעל צו פארמערן די האָוזינג סופליי האט אויך אוועקגעשטעלט די פרא-האָוזינג קאמיוניטי פראגראם צו אנערקענען און באלוינען מיוניסיפאליטיס וואס ארבעטן אקטיוו צו ערמעגליכן די האָוזינג פאטענציעל און מוטיגן אנדערע זיי נאכצופאלגן. אונטער דעם פראגראם, וועלן לאקאליטיס וואס האבן ערפאלגרייך אויפגעשלאסן האָוזינג וואוקס אדער געוועון געטריי צו נעמען וויכטיגע שריט צו שטיצן האָוזינג, אזוי ווי דורך פארגרינגערן פערמיטינג און אדאפטירן פרא-האָוזינג פאליסיס, און וואס האבן זיך איינגעגעבן פאר און אריינגעגעבן קריטישע האָוזינג און זאונינג אינפארמאציע צו די סטעיט, וואלטן באקומען א סערטיפיקאציע פון ניו יארק סטעיט ׳האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳ וואס וואלטן זיי פריארעטיזירט פאר ביז 650 מיליאן דאלער אין סטעיט דיסקרעשענערי געלטער. די דיסקרעשענערי פינאנצירונג פראגראמען נעמט ערייין:

- דאונטאון ווידער אויפלעבן אינציאטיוו, אדמיניסטריט בי דער דעפארטמענט אוו סטעיט;
- NY פארווערט, אדמיניסטריט בי דער דעפארטמענט אוו סטעיט;
- ראיאנאלע קאונסיל קאפיטל פאנד, אדמיניסטריט ביי עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט;
- ניו יארק מעין סטריט אדמיניסטרירט ביי ניו יארק סטעיט ׳האומס און קאמיוניטי באנייאונג;
- מארקעט ניו יארק קאפיטל גרענטס, אדמיניסטריט ביי עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט;
- לאנג איילענד אינוועסטירונג פאָנד, אדמיניסטריט ביי עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט;
- מיד-האדסון צאצענטאם פאָנד, אדמיניסטריט ביי עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט; און
- פובליק טראנספארטאציע מאדערניזאציע פארבעסערונג פראגראם, אדמיניסטרירט ביי דעפארטמענט אוו טראנספארטאציע

גאווערנער האקול האט פארגעשלאגן צו שטארקן די פרא-האָוזינג קאמיוניטיס פראגראם דורך מאכן די סערטיפיקאציע א פארלאנג פאר לאקאליטיס צו באקומען צוטריט צו די פאנדינג קוועלער, הייבנדיג די אינסענטיוו פאר קאמיוניטיס צו ווערן פרא-אקטיווע פארטנערס אין בויען די האָוזינג וואס איז נויטיג צו שטיצן פאמיליעס און אנהאלטן אפארדיבילטי און וואוקס.

**<u>באקעמפן האָוזינג דיסקרימינאציע אנטקעגן אפארדעבל האָוזינג אפליקאנטן און פראוויידערס</u>**

סעקשאן 8 האָוזינג טשויס וואוטשערס שטעלן צו פעדעראלע רענטל און היים אייגנטומערשאפט הילף וואס ערלויבט נידריגע- און מעסיגע-אינקאם הויזגעזונטער אין ניו יארק סטעיט צו דינגען אדער קויפן

גוטע, פארזיכערטע היימען. כאטש עס איז אנטקעגן סטעיט געזעץ פאר א האָוזינג פראוויידער אדער ריעל עסטעיט פראפעסיאנאל צו דיסקרימינירן באזירט אויף קוואל פון אינקאם - אריינרעכענענדיג די באנוץ פון סעקשאן 8 וואוטשערס - טוט דיסקרימינאציע נאך אלס פאסירן און באווירקט פיל נידריגע- און מעסיגע-אינקאם פאמיליעס' מעגליכקייט צו טרעפן סטאבילע האָוזינג וואס זיי קענען זיך ערלויבן.

אין די זעלבע צייט, טוט אפארדעבל האָוזינג אפט אויסשטיין גרעסערע שוועריקייטן מיטן פארזיכערן מעסיגע-פרייזן אינשורענס ווי מארקעט ראטע האָוזינג. לויט א באריכט דורך די דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס און HCR וואס איז פארעפנטליכט געווארן פאריגן נאוועמבער, האבן אינשורענס פרימיומס פאר אפארדעבל האָוזינג זיך געהויבן מיט 43 פראצענט צווישן 2019 און 2021. העכערע פרימיום קאסטן פאר אפארדעבל האָוזינג קען ווערן אריבערגעפירט צו טענענטס; פארמינערן די קוואליטעט און אפטקייט פון געביידע סערוויסעס, מעינטענענס, און פאררעכטונגען; און ענדגילטיג אפהאלטן אפארדעבל האָוזינג פון ווערן געבויט אדער פרעזערווירט.

גאווערנער האקול וועט דירעקטירן די ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון מענטשליכע רעכטן, בשותפות מיט HCR, צו לאזן אין גאנג א נייע ענפארסירונג איינהייט באשטימט אויף שנעלע שליכטונג פון קלאגעס איבער האָוזינג דיסקרימינאציע פארבינדן מיט סעקשאן 8 האָוזינג טשויס וואוטשערס. די פריע אינטערווענשאן איינהייט וועט העלפן שליכטן פראבלעמען און פלאצירן אפעקטירטע מענטשן און פאמיליעס אין אוועילעבל האָוזינג צו וועלכן זיי זענען געווארן אומלעגאל אפגעזאגט צוטריט באזירט אויף זייערע וואוטשערס.

גאווערנער האקול וועט אויך פארשלאגן לעגיסלאציע צו פארבאטן אינשורענס קעריערס פון פרעגן וועגן אדער נעמען אין באטראכט טענענטס' קוואל פון אינקאם, די עקזיסטירונג פון אפארדעבל וואוינונג יוניטס, אדער דאס באקומען רעגירונג האָוזינג הילף אינעם באשלוס צו ארויסגעבן אדער ווייטער צושטעלן אינשורענס פאר רעזידענשל ריעל פראפערטי. דער ביל וואלט אויך פארבאטן אינשורענס קעריערס פון הייבן פרימיומס אויפן באזיס פון קוואל פון אינקאם, די עקזיסטירונג פון אפארדעבל וואוינונג יוניטס, אדער דאס באקומען רעגירונג האָוזינג הילף.

**<u>פארגרינגערן די אפארדעבל האוזינג זוכעריי פראצעדור</u>**

גאווערנער האקול האט דירעקטירט HCR צו אנטוויקלען א נייע פובליק ריסאורס צו פארגרינגערן די אפארדעבל האָוזינג זוכעריי פראצעדור און פארלייכטערן פאר האָוזינג אפליקאנטן צו טרעפן פארזיכערטע, סטאבילע, אפארדעבל היימען. דער וועבזייטל וועט העלפן ניו יארקער טרעפן סטעיט-פינאנצירטע אפארדעבל יוניטס, באשטימען אויב זיי קוואליפיצירן, און זיך איינגעבן פאר יענע יוניטס, אלעס אין איין פלאץ. האָוזינג אפליקאנטן וועלן קענען זוכן לויטן געברויך, אריינגערעכנט פאר אקסעסעבל היימען, היימען פאר וועטעראנען, און איבערלעבער פון דאמעסטישע געוואלדטאטן.

די נייע ריסאורס בויט אויף גאָווערנאָר האקול'ס אגענדע צו פארבעסערן די קאסטומער עקספיריענס פאר אלע ניו יארקער און פארגרינגערן צוטריט צו וויכטיגע רעגירונג בענעפיטן און סערוויסעס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418